**Bij de feestelijke presentatie van het nieuwe digitale woordenboek Jiddisch-Nederlands (JNW)**
**Amsterdam, 22 februari 2018**

# JIDDISCHE WOORDENBOEKEN NA DE OORLOG: DE UITDAGING. WAT IS ER BEREIKT?

Yitskhok Niborski

**Om de wetenschappelijke voorkeuren en prestaties van de naoorlogse Jiddische lexicografie te bespreken hoeven we het hoogstens over tien werken te hebben. Dat mijn lijstje wat langer is komt omdat ik een kort overzicht wil geven van de hele productie. Nou ja, bijna de hele productie van deze periode. Zo wil ik mijn gedachten bepalen over de maatschappelijke oorzaken van de prestaties dan wel missers op dit gebied.**
**Het totale aantal werken is weliswaar niet gigantisch maar toch heb ik er nog wat weggelaten. Dat zijn:**

- woordenboeken op het gebied van Oud-Jiddisch of West-Jiddisch;
- heruitgaven van vooroorlogse werken, zoals Harkavy 1928;
- taalkundige werken met verklaringen of vertalingen van bepaalde woorden of uitdrukkingen;
- studies over een beperkte woordenschat, zoals Jitschok Rivkind's: Jidisj gelt of Mordche Schaechter's vocabulaires van academische terminologie, kinderen krijgen/hebben en botanie;
- verzamelingen van woorden uit het Jiddisch in andere talen, zoals ons feestnummer Justus van de Kamp samen met Jacob van der Wijk gemaakt heeft [Koosjer Nederlands, A'dam 2006];
- woordenlijsten voor school of schoolkinderen.

Dat zijn de weggelaten groepen. Uiteraard ontbreekt ook wat ik niet gevonden heb of waar ik niet van weet.
Het gaat dus om woordenboeken van het moderne Oost-Jiddisch die een aanzienlijk aantal woorden op allerlei gebied bevatten. Met dat voorbehoud krijgen we het volgende beeld.

Vanaf 1949 (Israel Steinberg's *Hebreïzmen in jidisj*, Wrocław/Breslau) tot vandaag zijn er niet minder dan 47 lexicografische werken over het Jiddisch verschenen. Ik zeg "werken", maar het ene werk verschilt nogal van het andere. Aan de ene kant staat elk van de monumentale vier eerste delen van het *Groiser werterboech foen der jidisjer sjprach*, aan de andere kant, pak-'m-beet, Lennart Kerbel's bescheiden Jiddisch-Zweeds woordenboekje. Ze tellen ieder als één werk. In het lijstje zien we de verschillende soorten woordenboeken naar jaar van verschijnen en taal.
Kortom, 47 werken in 70 jaar. Die tijd indelen in perioden gaat wat ver, maar een paar ontwikkelingen en tendensen vallen hier wel uit te halen. Om maar wat te noemen: in de eerste tien jaar zien we dat van de vijf verschenen boeken er vier over Hebraïsmen in het Jiddisch gaan, met een duidelijk pedagogische inslag. Al die samenstellers waren leraren in een werelds of zelfs politiek links milieu. Israel Steinberg is in 1949 leraar in de heropgerichte Joodse seculiere scholen voor de overlevenden in het al sterk gesovjetiseerde Polen. Jacob Levin is een pionier van de seculiere Joodse en socialistische school, eerst in Polen en daarna in de V.S. Nachman Krupin moet zich in linkse kringen bewogen hebben in Los Angeles. Tzvi Josem is een folkistische** opbouwer van de sterk geseculariseerde Joodse gemeenschap in Brazilië. Kortom, met uitzondering van Stutchkoff's "Oitser" [= schat, woordenschat, theasurus], dat de vrucht is van een levenslang uitgebreid verzamelproject, tonen de eerste naoorlogse woordenboeken de noodzaak het schreeuwend tekort op te vullen aan Jodendom en Joodse traditie in het gepolitiseerde seculiere Joodse onderwijs van na de Grote Moord. Bij Steinberg's boek is die krachtmeting nog sterker.

Hier moest het gebrek aan Joodse basiskennis van de overlevende kinderen, waarvan de meeste terugkwamen van hun omzwervingen in Rusland, worden gecompenseerd. Steinberg's woordenboek is van de vier genoemde het meest indrukwekkend in omvang en stelselmatige opbouw. Een dergelijk werk in elkaar zetten onder de zware omstandigheden van het vluchtelingenleven in Polen, en dan nog onder de toenemende ideologische druk van het communistische bewind, dat mogen we een buitengewone prestatie noemen. Zo schiep hij het voorbeeld, het model voor latere gelijksoortige boeken en heeft hij de verbondenheid onderstreept van onze moderne cultuur met zijn Joodse wortels.
Stutchkoff's "*Oitser foen der jidisjer sjprach*" is het startschot van twintig jaar New-Yorkse dominantie op het gebied van de serieuze lexicografie. Het is een ideologisch woordenboek dat woordenschat, idiomatische uitdrukkingen, spreekwoorden en gezegden in 630 ideeën-groepen onderbrengt. We vinden er zo'n 50 à 60.000 afzonderlijke woorden. Bijna het hele vocabulaire van het gewone, niet-poëtische Jiddisch. De onderzoekers en schrijvers die dit werk meer dan een halve eeuw gebruikten mopperden wel eens over deze of gene leemte of over de gebrekkigheid van de index. Sprekend uit mijn eigen praktijk die me dwong ideologische woordenboeken te gebruiken van aristocraten onder de talen als Spaans en Frans, kan ik echter met volle overtuiging stellen dat onze door Stutchkoff samengestelde en door Max Weinreich nageziene "Oitser" de best georganiseerde thesaurus is die ik ken.
De jaren 1960-1970 vormen de bloeiperiode van onze naoorlogse woordenboekerij. De opbrengst uit die tijd valt te verdelen over twee continenten. Aan de ene kant hebben we in Israël praktijkgerichte Hebreeuws-Jiddische woordenboeken om de Jiddisch sprekende immigrant tot de heersende Hebreeuwse taal te brengen. Het belangrijkste werk hiervan is Tsanin's tweedelig woordenboek uit 1960. In Amerika daarentegen rijpen de twee meest verstrekkende lexicografische projecten uit de wereld van het Jiddisch ooit. Dat zijn: *Der groiser werterboech foen der jidisjer sjprach* [Groot woordenboek van de Jiddische taal] en Uriël Weinreich's [zoon van Max W., JvdK] *Modern jidisj-englisj englisj-jidisj werterboech.* Allebei uit de YIVO-kraamkamer, maar het 'Groot woordenboek' is niet uitgebracht met het YIVO-stempel. Daarvoor is een apart comité gevormd, officieel vanwege het redactiebesluit dit woordenboek niet te drukken met volledige inachtneming van de YIVO-spelling.
Ik zou echter willen stellen: als het Grote woordenboek geen YIVO-project bleef en Weinreich's woordenboek wel, is dat niet alleen vanwege een ruzie over spelling. Ook niet zozeer vanwege de slechte verstandhouding tussen de YIVO-leider Max Weinreich en de hoofdredacteur van het woordenboek Joedl Mark. Ik zou eerder zeggen dat het diepste wezen van het Groot woordenboek niet paste bij de ambities van het YIVO. In zijn beschrijvende benadering kreeg dit project als vanzelf de contouren van een volksuitdaging. Honderden vrijwilligers, verzamelaars en informanten uit de hele wereld werden erbij betrokken. Daaronder prominente schrijvers, taal- en opvoedkundigen, zelfs een aantal YIVO-wetenschappers, maar ook heel wat scherpzinnige gewone lui. Het werk zou een afspiegeling vormen van de hele taal. Helaas had men niet genoeg middelen in huis om die opgetaste overmaat aan natuurlijk taalgebruik volkomen systematisch en correct te bewerken. Het project van Uriël Weinreich's kring daarentegen werkte volstrekt normatief. Dit woordenboek uit 1968 beschrijft een modern Jiddisch, dat deels een *gewenste* taal is. Een *plan* voor een cultuurtaal die zich nog moet ontwikkelen. We kunnen de gedachte niet onderdrukken dat Max Weinreich's New-Yorkse YIVO, met zijn grote nadruk en hoop op de universiteit, zich niet kon herkennen in het Grote woordenboek met zoveel volkse trekken. Nu, een generatie later, lijken mij beide projecten wonderlijk verstoord en veel te laat. Uriël Weinreich stierf op zijn veertigste, nog voordat zijn werk gedrukt was. Door zijn te vroege dood werd het boek onaantastbaar verklaard. Het was in werkelijkheid als opzet bedoeld. Een proeve van de middelen voor het echte woordenboek. We kunnen rustig aannemen dat het tien, twaalf jaar later uitgekomen zou zijn. Als Uriël Weinreich een normaal, gezond leven had kunnen leiden, had hij de zelf ontwikkelde beschrijf- en vertaalmiddelen zeker aangewend om een werk te maken dat bruikbaar was om de Jiddische litteratuur te lezen, iets wat nu niet het geval is. Ook zou hij ingezien hebben dat de enorme energie die in de taalnormering werd gestoken, vóór de oorlog een nuttige kracht was geweest in het gezonde levende taalorganisme, maar na de oorlog nog meer afstand schiep tot de natuurlijke en potentiële sprekers van de taal. Uriël Weinreich

ontviel ons echter in 1967 en geleidelijk aan is duidelijk geworden dat de kracht van het universitaire Jiddisch-leven gebroken was. Gebroken doordat dat gedreven werd, ook in de goede tijden, door het maatschappelijke jiddischisme dat nog klopte onder Uriël Weinreich's en nog meer onder zijn makker Mordche Schaechter's academische toga. Dat blijkt ook uit het dwarsbomen van dat andere grote begin: het Grote woordenboek. Dat werd genekt toen het na Joedl Mark's dood in 1975 onder de hoede kwam van de universiteit. Aanvankelijk nog onder het gedeelde bewind van Columbia en Jeruzalem en vervolgens geheel onder de Hebreeuwse Universiteit van Jeruzalem. De eerste drie delen verschenen daarvoor met een regelmaat van 5 à 6 jaar. Op het vierde deel moesten we al tien volle jaren wachten. En sinds 1987 horen we gewoon niets meer over het hele project, over het verzamelde materiaal en over het geld dat nog ergens moeten liggen voor de uitgave. Het nekken van het Groot woordenboek van de Jiddische taal is een onvergeeflijke schanddaad tegen de Jiddische cultuur. En die is niet begaan in Gloepsk ["Dommerdam": plaatsnaam in de verhalen van Mendele] of in Zlodiëfke ["Dievenhuizen": plaatsnaam bij Sjolem Aleichem, allebei symbolen van achterlijkheid, JvdK], maar, het spijt me dat ik het zeggen moet, ergens in de duistere krochten van de Universiteit van Jeruzalem, waar Joedl Mark in zijn onnozelheid meende dat zijn werk zijn ideale verwezenlijking zou krijgen.

De volgende decennia hebben het bankroet van de academische lexicografie bevestigd. Indrukwekkende resultaten zien we niet meer. Het beetje dat wèl gepresteerd werd is nog altijd te danken aan bescheiden sociale of zelfs privé-initiatieven, terwijl de geijkte onderzoeksinstellingen in Israël of elders doodgewoon geen poot uitstaken. Het enige werkelijk belangrijke woordenboek dat nog voor het eind van de twintigste eeuw uitkwam was het Russisch-Jiddische woordenboek in 1984. Een overblijfsel van voorbije betere tijden. Je kunt wel zeggen dat dat een late en magere compensatie is voor het om zeep brengen van het wetenschappelijke werk aan het Jiddisch in de Sovjet-Unie, maar feitelijk is het 't enige belangrijke wetenschappelijke woordenboek van de laatste jaren van de voorbije eeuw. Andere werken van die tijd laten zich verdelen in:

- mislukte pogingen Weinreich's Jiddisch-Engels woordenboek na te doen voor andere talen. Ik doel hier op het Jiddisch-Spaanse woordenboek van Jacob Lerman en mijzelf, Buenos Aires 1979, en het Jiddisch-Franse woordenboek van Gris en Kerner, Parijs 1982
- eenvoudige tweetalige woordenboeken. Daar zijn tamelijk geslaagde bij zoals David-Mendl Harduf's Jiddisch-Engels woordenboek uit 1983 [Willowdale Ont., Canada], dat in vijftien jaar minstens vijf keer werd herdrukt en het Frans-Jiddisch woordenboek van Kerner & Waisbrot uit 1989. Andere zijn nogal jammerlijk, zoals Tsanin's Jiddisch-Hebreeuws woordenboek van 1982 (Tel Aviv) of M. Grinstein's Jiddisch-Spaans, Spaans-Jiddisch woordenboek van 1993 (Mexico).
- specialistische woordenboeken. Ik doel op Mordche Schaechter's Engels-Jiddische woordenboeken van 1988, 1991 en 2005
- nieuwe taalcombinaties, zoals de korte drietalige woordenboekjes van Guri & Ferdman en Kazuo Ueda's Jiddisch-Japans woordenboek
- woordenboeken in Latijnse letters, m.n. Ronald Lötzsch's Jiddisch woordenboek uit 1990 (Leipzig, later Mannheim enz.).

Al deze meer of minder geslaagde werken verschenen als antwoord op de behoefte eraan door de groei in Jiddische taalprogramma's op universiteiten en andere instellingen over de hele wereld. Het kostte echter tijd voordat dat antwoord het niveau bereikte van de behoefte. Pas in de afgelopen twintig jaar verschijnen er Jiddische woordenboeken die werkelijk helpen de taal te leren en pers en litteratuur te lezen. In twee daarvan heb ik een centrale rol mogen spelen: in mijn woordenboek van woorden uit het Losjn-koidesj* (Parijs 1997) en zijn verdubbelde heruitgave van 2012, en het Jiddisch-Franse woordenboek van 2002 (herdruk 2011, Engelse vertaling 2013). Beide op gelijke wijze samengesteld, nl. op basis van 1) een zekere maar niet reusachtige eigen kennis 2) van financiële soberheid 3) gezond verstand en volharding in de aanpak 4) de bereidheid met anderen samen te werken en hun raad ook aan te nemen. Beide woordenboeken zijn bekostigd en uitgegeven door de Medem-bibliotheek in Parijs. Ze vormen de

vrucht van het werk, de kunde en goede wil van een groepje medewerkers waaronder niet één professioneel lexicograaf. Het woordenboek van Losjn-koidesj* woorden is nog steeds het meest complete op zijn gebied. Het Jiddisch-Franse woordenboek was tot 2008 het meest complete tweetalige Jiddische woordenboek ooit. In 2008 verscheen tot mijn grote vreugde echter een serieuze concurrent: het Jiddisch-Wit-Russische woordenboek van Alexander Astrawoech (= Астравух , Minsk). Dat is nota bene niet eens het werk van een groepje, maar van één persoon. Wel een echte lexicograaf, die echter zijn hele leven gewerkt heeft als timmerman.

De indrukwekkende oogst woordenboeken van de afgelopen tien jaar is het gevolg van twee hoofdoorzaken. Ten eerste de invloed van die drie belangrijke werken van het voorafgaand decennium (de twee Parijse en het Minsker woordenboek). Die bewezen immers dat degelijke woordenboeken ook gemaakt kunnen worden zonder de geijkte professionals. Bovendien vormden ze een geschikte basis om nieuwe en grotere woordenboeken op te bouwen. Ze prikkelden andere al of niet universitaire Jiddisch-kenners om hun mouwen op te stropen en hetzelfde of een nog beter kunstje te vertonen bij andere talen.

Ten tweede wordt de nieuwe generatie woordenboeken beïnvloed door computerwerk en internet die eindelijk de gelegenheid scheppen om gemakkelijk en snel te beschikken over een haast onbeperkte hoeveelheid van alle mogelijke materialen op twee niveaus: een uitgebreid tekstcorpus en massa's oudere taalkundige en lexicografische bronnen. Dit alles in de vorm van enorme hoeveelheden gescande en nu ook gedigitaliseerde werken. Dit betekent niet alleen: meer vertaalde woorden, maar ook: aanvullen en verbeteren van de bestaande werken, zoals mijn Jiddisch-Frans woordenboek dat de verdiensten maar ook de feilen vertoont van de tijd vóór het internet.

Vooral door de eerste oorzaak: het effect van de twee Parijse woordenboeken en dat van Minsk, kwamen vervolgens de woordenboeken uit van Beinfeld-Bochner (J-Eng., Bloomington Ind. 2013), Tisjtsjenko (J-Oek), Soldatov en Wainblat (J-Russ.).

De tweede oorzaak: internet als bronnenleverancier en als verbinder van medewerkers, komt naar boven bij het monumentale uitgebreide Engels-Jiddische woordenboek van Gitl Schaechter en Hersjl (Paul) Glaser en het net uitgekomen Jiddisch-Nederlandse woordenboek van Justus van de Kamp. Maar die twee laatste wonderwerken zijn vooralsnog enig in hun soort.

Het nieuwe Engels-Jiddische woordenboek is hierin uniek, dat tot nu toe niemand zich uitsloofde om Jiddische vertalingen te geven voor zo'n reusachtige hoeveelheid woorden en uitdrukkingen uit zo'n rijke en wijdverbreide wereldtaal als het Engels. De kneepjes van woordenboeken náár het Jiddisch vergen echter een aparte behandeling waar ik nu niet aan toekom.

Justus' woordenboek daarentegen is uniek, niet alleen door zijn enorme inhoud en nog steeds groeiende omvang maar ook door zijn wonderlijke metamorfosen. Begonnen is hij immers in de computer-oertijd. Met moeite en geestdrift heeft hij niet alleen verzameld en vertaald, maar zich ook aangepast aan de nieuwe mogelijkheden en ze grondig toegepast.

Kijkend in zijn woordenboek heb ik mij een beeld gevormd van de reikwijdte van het werk, de verwijzingen en verbindingen bij elk trefwoord, met idiomatische uitdrukkingen, spreekwoorden en gezegden. Helaas kan ik niet het hele materiaal bekijken. Als ik woord voor woord met de zoekmachine kijk, kan ik niet beoordelen welke nieuwe woorden in eerdere woordenboeken ontbraken. Het kunnen er niet weinig zijn, bij zo'n omvang moeten ze lopen in de duizenden. Die belemmering is niet mijn schuld. Wel uiteraard, of tenminste mijn tekortkoming, dat ik geen Nederlands ken en daardoor geen oordeel kan vellen over de juistheid van de vertalingen. Ik heb echter het volste vertrouwen in Justus' degelijkheid. Hij zorgt beslist voor de nauwkeurigheid en helderheid van zijn vertalingen en *zijn hand*, zeggen wij in Losj-Koidesj* *is al opgeheven* om dat allemaal bij te slijpen en te vervolmaken.

*Vertaling: Justus van de Kamp*

* Losjn-koidesj ('heilige taal') is de correcte benaming van het Asjkenazisch rabbijns Hebreeuws/Aramees dat de Jiddische taal grondig heeft beïnvloed en anderzijds binnen die Jiddische taalomgeving zo levend is gehouden dat daar in de 19e eeuw wonderlijk snel een nieuwe Modern-Hebreeuwse taal uit geschapen kon worden.
** Folkisme (denk aan de Russische narodniki) was een naar Jiddische culturele autonomie strevende beweging (19e-20e eeuw).

י. ניבאָרסקי

# אויפֿטועך און פֿאַרמעסטן פֿון דער נאָך–מלחמהדיקער ייִדיש–לעקסיקאָגראַפֿיע

די ווײסנשאַפֿטלעכע נטיות און אויפֿטוען אין דעם תּחום פֿון ייִדיש–לעקסיקאָגראַפֿיע קען מען אַרומרעדן נעמענדיק אין באַטראַכט העכסטנס אַ צענדליק ווערק. אויב איך האָב דאָ אויסגעטיילט אַ לענגערע רשימה איז דאָס דערפֿאַר, וואָס איך וויל געבן אַן איבערבליק איבער דער גאַנצער, אָדער כּמעט דער גאַנצער, פּראָדוקציע פֿונעם שטודירטן פּעריאָד. איך רעכן דערפֿון אַרויסצודרינגען עטלעכע אויספֿירן וועגן די געזעלשאַפֿטלעכע גורמים וואָס האָבן באַשטימט דעם לעקסיקאָגראַפֿישן אויפֿטו אָדער אומאויפֿטו.

כּאָטש דער פֿולער עווענטועלער קאָרפּוס פֿאַר אַזאַ איבערבליק וואָלט נישט געווען קיין ריזיקער, האָב איך פֿאָרט אַ סך ווערק אויסגעשלאָסן. דאָס זענען:

- לעקסיקאָגראַפֿישע אַרבעטן וועגן אַלט–ייִדיש און מערבֿ–ייִדיש;
- איבערדרוקן פֿון פֿאַר-מלחמהדיקע ווערטערביכער, ווי למשל האַרקאַווי בוך פֿון 1928;
- פֿילאָלאָגיש–אָריענטירטע בענד מיט דערקלערונגען אָדער איבערזעצונגען פֿון ווערטער און ווערטלעך;
- שטודיעס איבער אַ באַגרענעצטן ווערטער–אוצר, ווי יצחק ריבֿקינדס „ייִדישע געלט" אָדער מרדכי שעכטערס וואָקאַבולאַרן וועגן אַקאַדעמישן לעבן, טראָגן–האָבן און געוויקסן–וועלט;
- רעפּערטואַרן פֿון ייִדיש–שטאַמיקע ווערטער אין אַנדערע שפּראַכן, ווי ס'האָט צונויפֿגעשטעלט, צווישן אַנדערע, אונדזער הײַנטיקער בעל–שׂימחה יוסטוס פֿאַן דע קאַמפּ;
- וואָקאַבולאַרן פֿאַר שול און שולקינדער.

דאָס אַלץ זענען די נישט–אַרײַנגענומענע קאַטעגאָריעס. און אַוודאי פֿעלן אויך אין מײַן רשימה ווערק וואָס איך האָב פּשוט קיין מאָל נישט אָנגעטראָפֿן און איך ווייס נישט פֿון זיי.

גענומען אין באַטראַכט האָב איך ווערטערביכער פֿונעם מאָדערנעם מיזרח–ייִדיש וואָס נעמען אַרום אַ גרעסערע צאָל ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע טעמאַטישע תּחומים.

מיט די אַלע באַוואָרענישן, איז דאָס בילד אַזאַ. פֿון 1949, ווען עס איז דערשינען אין וואָרצלאַוו ישׂראל שטיינבערגס באַנד „העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך", און ביז הײַנט, זענען אַרויסגעקומען איבער דער וועלט אַ קײַמאַ–לן פֿון 47 לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק איבער ייִדיש. אַ ווערק צו אַ ווערק איז פֿאַרשטייט זיך נישט גלײַך: סײַ יעדערער פֿון די מאָנומענטאַלע פֿיר ערשטע בענד פֿונעם "גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך", סײַ, לאָמיר אָנכאַפּן, לענאַרט קערבעלס באַשיידן ייִדיש–שוועדיש ווערטערביכל, רעכענען זיך יעדערער פֿאַר אַן איינס. איר קענט זען אין דער ווערק–רשימה די פֿאַרשיידענע סאָרטן ווערטערביכער לויט דערשײַן–דאַטע און שפּראַך.

האָבן מיר הייסט עס 47 לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק אין קײַלעכדיקע זיבעציק יאָר. קיין פּעריאָדיזאַציע איז נישט שייך, נאָר באַטאָנען געוויסע כּלל–טענדענצן און אַנטוויקלונגען לאָזט זיך יאָ. אינעם ערשטן יאָרצענדליק, למשל, זעען מיר אַז פֿון 5 דערשינענע ביכער, זענען גאַנצע 4 — ווערטערביכער פֿון העברעיִזמען אין ייִדיש מיט קלאָרע פּעדאַגאָגישע צילן. די צונויפֿשטעלערס האָבן אַלע עפּעס אַ שײַכות מיט לערערײַ אין אַ וועלטלעכער צי אַפֿילו פּאָליטיש לינקער סבֿיבֿה. ישׂראל שטיינבערג איז אין 1949 לערער אין די באַנײַטע ייִדיש–וועלטלעכע שולן פֿאַר דער שארית–הפּליטה אין דעם שוין שטאַרק סאָוויעטיזירטן פּוילן. יעקבֿ לעווין איז אַ פּיאָנערישע פֿיגור פֿון דער ייִדיש–וועלטלעכער און סאָציאַליסטישער שול, צו ערשט אין פּוילן און דערנאָך אין אַמעריקע. נחמן קרופּין איז קענטיק אַ נאָענטער צו די לינקע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן אין לאָס אַנדזשעלעס. צבֿי יתום איז אַ פֿאָלקיסטישער קהילה–בויער און דערציִער אינעם שטאַרק סעקולערן בראַזיליאַנער ייִשובֿ. מע קען זאָגן אַז מיטן אויסנאַם פֿון סטוטשקאָווס "אוצר", וואָס איז דער פּועל–יוצא פֿון אַ לעבנס–לאַנגן אַרומנעמיקן זאַמל–פּראָיעקט, ווײַזן די ווערטערביכער פֿון די ערשטע נאָכמלחמהדיקע יאָרן אויף דער נויטווענדיקייט אויסצופֿילן נאָכן חורבן דעם שרײַענדיקן דוחק אין ייִדישקייט פֿון דער פּאָליטיזירטער וועלטלעכער ייִדישער דערציִונג. אינעם פֿאַל פֿון שטיינבערגס בוך איז דער פֿאַרמעסט נאָך שאַרפֿער, ווי באַלד עס גייט אין קאָמפּענסירן דעם ייִדישקייט–דעפֿיציט פֿון קינדער פֿון דער שארית–הפּליטה, מערסטנס צוריקגעקערטע פֿון גלות–רוסלאַנד. שטיינבערגס ווערטערבוך איז טאַקע, פֿון די פֿיר דערמאָנטע, דאָס גרעסטע אין פֿאַרנעם און אין סיסטעמאַטישקייט. צונויפֿשטעלן אַזאַ ווערק אין די שווערע באַדינגונגען פֿונעם פּליטים–לעבן אין פּוילן און אונטער אַ וואַקסנדיקן אידעאָלאָגישן דרוק פֿונעם אויפֿקומענדיקן קאָמוניסטישן רעזשים, איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער אויפֿטו. ישׂראל שטיינבערג האָט אַזוי אַרום געשאַפֿן אַ מוסטער פֿאַר שפּעטערדיקע ווערטערביכער פֿונעם זעלבן סאָרט און שטאַרק באַטאָנט די צוגעבונדנקייט פֿון אונדזער מאָדערנער קולטור צו אירע ייִדישקייטס–וואָרצלען.

סטוטשקאָווס "אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך" איז דער בראשית פֿון צוואַנציק יאָר ניו–יאָרקער העגעמאָניע אינעם תּחום פֿון ערנסטער לעקסיקאָגראַפֿיע. דאָס איז אַן אידעאָלאָגיש ווערטערבוך, וואָס גרופּירט דעם ווערטער–אוצר פֿון דער שפּראַך, ווי אויך אירע אידיאָמאַטישע אויסדריקן, פֿראַזעס און שפּריכווערטער, אין 630 גרופּעס לויט אידעען. באַזונדערע ווערטער געפֿינען זיך דאָרטן צווישן 50 און 60 טויזנט, דאָס הייסט, כּמעט דער גאַנצער וואָקאַבולאַר פֿון געוויינטלעכן חוץ–פּאָעטישן ייִדיש. שרײַבערס און פֿאָרשערס וואָס האָבן זיך באַניצט מיט דעם ווערק אין משך פֿון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן טייל מאָל באַדויערט געוויסע חסרונות, ווי למשל די קנאַפּקייט פֿונעם זוכצעטל. איך אָבער, וואָס מײַן לעקסיקאָגראַפֿישע פּראַקטיק האָט מיך געצוווּנגען זיך צו באַניצן מיט אידעאָלאָגישע ווערטערביכער פֿון אַזעלכע גבֿירישע שפּראַכן ווי דאָס זענען שפּאַניש און פֿראַנצייזיש, קען זאָגן מיט זיכערקייט אַז אונדזער ייִדישער אוצר, געזאַמלט דורך סטוטשקאָוון און איבערגעקוקט דורך מאַקס ווײַנרײַכן, איז דער צום בעסטן אָרגאַניזירטער צווישן די, וואָס איך קען.

דער יאָרצענדליק 1960 - 1970 איז די בלי–תּקופֿה פֿון אונדזער נאָך–מלחמהדיקער לעקסיקאָגראַפֿיע. די פּראָדוקציע פֿון דעם דאָזיקן פּעריאָד טיילט זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס. פֿון איין זײַט, אין מדינת–ישׂראל, האָבן מיר פּראַקטישע העברעיִש–ייִדישע ווערטערביכער מיטן ציל צוצופֿירן דעם ייִדיש–רעדנדיקן עולה צו

דער הערשנדיקער העברעיִשער שפּראַך. דאָס וויכטיקסטע ווערק פֿון דעם סאָרט איז צאַנינס צווייבענדיק ווערטערבוך פֿון 1960. פֿון דער צווייטער זײַט אָבער, אין אַמעריקע, צײַטיקן זיך אויס די צוויי ווײַטגייענדיקסטע לעקסיקאָגראַפֿישע פּראָיעקטן וואָס די ייִדיש–וועלט האָט ווען נישט איז אונטערגענומען : דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך און אוריאל ווײַנרײַכס מאָדערן ייִדיש–ענגליש ענגליש–ייִדיש ווערטערבוך.ביידע זענען געבוירן געוואָרן ווי ייִוואָ–פּראָיעקטן, אָבער דער "גרויסער ווערטערבוך" איז נישט אַרויס מיטן שטעמפּל פֿון ייִוואָ. אַרויסגעגעבן האָט אים אַ באַזונדערער קאָמיטעט. אָפֿיציעל איז די סיבה געווען דער באַשלוס פֿון די רעדאַקטאָרן, מיט יודל מאַרקן בראָש, נישט צו דרוקן דאָס ווערטערבוך על טָהֳרת האיינהייטלעכן אויסלייג, וואָס איז אײַנגעפֿירט אין די ייִוואָ–אויסגאַבעס. איך וואָלט אָבער געזאָגט, אַז אויב דער גרויסער ווערטערבוך איז נישט פֿאַרבליבן קיין ייִוואָ–פּראָיעקט און דאָס מאָדערנע ייִדיש–ענגלישע ענגליש–ייִדישע ווערטערבוך יאָ — איז דאָס נישט בלויז איבער דער אויסלייג–מחלוקת, און אַפֿילו אויך נישט איבער דער לאַנגיאָריקער אומסימפּאַטיע צווישן דער ראָש פֿון ייִוואָ, מאַקס ווײַנרײַך, און דעם הויפּט–רעדאַקטאָר פֿון ווערטערבוך, יודל מאַרק. איך מיין אַז עפּעס אינעם מהות גופֿא פֿונעם גרויסן ווערטערבוך–פּראָיעקט האָט זיך נישט אַרײַנגעפּאַסט אין די השׂגות פֿון ייִוואָ. מיט זײַן ריין דעסקריפּטיוויסטישן צוגאַנג, האָט דאָס ווערק נאַטירלעכערהייט אָנגענומען די פֿאָרמען פֿון אַ גרויסן פֿאָלקספֿאַרמעסט. עס האָט מאָביליזירט די פֿרײַוויליקע מיטאַרבעט פֿון הונדערטער זאַמלערס און אינפֿאָרמאַנטן איבער דער גאָרער וועלט, צווישן זיי פּראָמינענטע שרײַבערס, פֿילאָלאָגן און פּעדאַגאָגן, אַרײַנגערעכט אַפֿילו עטלעכע ייִוואָ–פֿאָרשערס, אָבער אויך אַ שיין ביסל אינטעליגענטע עמך–ייִדן. עס האָט געוואָלט אָפּשפּיגלען די גאַנצקייט פֿונעם לשון נישט האָבנדיק אין דער אמתן אַלע נייטיקע מיטלען גרינטלעך צו באַאַרבעטן דאָס אָנגעוואָרפֿענע גרעטעניש פֿונעם נאַטירלעכן שפּראַכפֿעלד. אין קעגנטייל איז דער פּראָיעקט פֿון אוריאל ווײַנרײַך און פֿון זײַן קרײַז געווען אַ בפֿירוש נאָרמאַטיוויסטישער. דאָס ווערטערבוך פֿון 1968 באַשרײַבט אַ מאָדערנע ייִדישע שפּראַך וואָס איז צום טייל בלויז אַן אויסגעחלומטע, אַ פּלאַן פֿאַר אַ שפּראַך וואָס דאַרף ערשט אויפֿקומען. מע קען נישט אויסשליסן די השערה, אַז מאַקס ווײַנרײַכס ניו–יאָרקער ייִוואָ האָט, לייגנדיק זײַן גאַנצע האָפֿענונג אויפֿן אוניווערסיטעט, עפּעס נישט אין גאַנצן זיך דערקענט אין דעם גרויסן ווערטערבוך, וואָס האָט געטראָגן אַזוי פֿיל בולטע שטריכן פֿון פֿאָלקישקייט. הײַנט, אַ גאַנצן דור שפּעטער, קומען מיר ביידע פּראָיעקטן פֿאָר ווי צוויי ווונדערלעכע, פֿאַרשפּעטיקטע און פֿאַרשטערטע אָנהייבן. אוריאל ווײַנרײַך איז געשטאָרבן צו פֿערציק יאָר, נאָך איידער זײַן ווערק האָט דערזען די ליכטיקע שײַן. זײַן פֿריצײַטיקער טויט האָט ווי קאַנאָניזירט אַ בוך וואָס האָט אין דער אמתן געזאָלט זײַן נאָר אַ סכעמע, אַן אויספּרווו פֿון די מיטלען פֿאַרן אמתן ווערטערבוך, וואָס וואָלט קרובֿ לזיכער זיך באַוויזן צען אָדער צוועלף יאָר שפּעטער. וואָלט אוריאל געלעבט געזונטערהייט אַ נאָרמאַלן לעבנסשפּאַן, וואָלט ער אַוודאי זיך באַלד גענומען אָנווענדן די גרעסטע וויסנשאַפֿטלעכע באַשרײַב– און אָפּטײַטש–שיטה, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט פֿאַרן ערשטן ווערק, אויף אַ ווערטערבוך וואָס וואָלט באמת צו ניץ געקומען צו לייענען און לערנען די ייִדישע ליטעראַטור, אַ צוועק צו וועלכן זײַן מאָדערן ייִדיש–ענגליש ווערטערבוך טויג בפֿירוש נישט. ער וואָלט זיכער אויך אײַנגעזען, אַז די ענערגישע נאָרמאַטיוויסטישע כּוונה, וואָס וואָלט געהאַט געווען אַ נייטיקע שטאַרקונג פֿאַרן געזונטן אָרגאַניזם פֿונעם פֿאַר-מלחמהדיקן לשון, האָט אין די נאָך-חורבנדיקע באַדינגונגען נאָר געקענט נאָך מער אָפּשוואַכן די שוין לויז געוואָרענע פֿעדעם צווישן דער שפּראַך און אירע ווירקלעכע צי פּאָטענציעלע רעדערס. אָבער אוריאל ווײַנרײַך איז אַוועק פֿון דער וועלט אין 1967, און ביסלעכווײַז איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אימפּעט פֿונעם אוניווערסיטעט–ייִדיש איז געבראָכן. און געבראָכן איז ער, ווײַל זײַן אמתע טרײַבקראַפֿט איז געהאַט געווען, אויך אין די גוטע צײַטן, דער געזעלשאַפֿטלעכער ייִדישיזם וואָס האָט פֿאָרט פּולסירט אונטער אוריאל ווײַנרײַכס — און נאָך מער אונטער זײַן שותּף מרדכי שעכטערס — אַקאַדעמישן לבֿוש. והאָ ראיה — אויך דער צווייטער גרויסער אָנהייב, דער גרויסער ווערטערבוך, איז פֿרוסטרירט געוואָרן ווען ער איז אַריבער, נאָך יודל מאַרקס טויט אין 1975, אין רשות פֿון דער אַקאַדעמיע, צו ערשט אונטערן טאָפּעלן אַפּוטראָפּסות פֿון קאָלומביע און ירושלים, און דערנאָך אין אויסשליסלעכן רשות פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט. די ערשטע דרײַ בענד זענען דערשינען רעגולער מיט אַן אָפּשטאַנד פֿון 5 - 6 יאָר איינער פֿונעם אַנדערן ; דערפֿאַר האָט מען שוין אויפֿן פֿערטן באַנד געמוזט וואַרטן אַ גאַנצן יאָרצענדליק, און זינט 1987 איז פּשוט נישטאָ קיין נײַעס פֿונעם פּראָיעקט, פֿון זײַנע אָנגעזאַמלטע אַרכיוון און פֿון די געלטער וואָס ליגן נאָך ערגעץ כּדי אים אויסצופֿירן. דאָס באַגראָבן דעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך איז אַ מיאוסע עוולה קעגן דער ייִדישער קולטור, און באַגאַנגען איז מען זי נישט אין גלופּסק צי אין זלאָדיִעווקע, נאָר, זײַט מיר מוחל פֿאַר די רייד, ערגעץ אין די טונקעלע אינגעווייִדן פֿונעם ירושלימער אוניווערסיטעט, ווו יודל מאַרק האָט נאַיִווערהייט געהאָפֿט אַז זײַן אַרבעט וועט קריגן אַ תּיקון.

אין די ווײַטערדיקע יאָרצענדליקער האָט זיך דער באַנקראָט פֿון דער אַקאַדעמישער לעקסיקאָגראַפֿיע אין גאַנצן באַשטעטיקט. קיין גאָר געוואַלדיקע דערגרייכונגען איז אין ערגעץ נישט געווען, נאָר עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַז דאָס ביסל וואָס מע האָט יאָ אויפֿגעטאָן איז נאָך אַלץ צו פֿאַרדאַנקען די באַשיידענערע געזעלשאַפֿטלעכע צי אַפֿילו פּריוואַטע איניציאַטיוון, בשעת די פּאַטענטירטע פֿאָרש–אינסטיטוציעס, אין ישׂראל צי ערגעץ אַנדערש, האָבן פּשוט גאָרנישט אונטערגענומען. דאָס איינציקע באמת וויכטיקע ווערטערבוך ביז סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דווקא דאָס רוסיש–ייִדישע ווערטערבוך פֿון 1984 — אַן איבערבלײַב פֿון פֿאַרגאַנגענע בעסערע צײַטן. מע קען מיט רעכט טענהן אַז דאָס איז אַ צו קנאַפּע און צו שפּעטע פֿאַרגיטיקונג נאָך דער ליקווידאַציע פֿון דער ייִדיש–פֿאָרשונג אין ראַטן–פֿאַרבאַנד, נאָר אָביעקטיוו איז דאָס דאָס איינציקע וויסנשאַפֿטלעכע וויכטיקע ווערטערבוך פֿון די לעצטע יאָר פֿון צוואַנציקסטן י"ה.

די אַנדערע ווערק פֿונעם זעלבן פּעריאָד טיילן זיך אויף עטלעכע קאַטעגאָריעס. קאַטעגאָריע א) : אומגעראָטענע פּרוּוון צוצופּאַסן צו אַנדערע שפּראַכן אוריאל ווײַנרײַכס ייִדיש–ענגלישן טייל. איך מיין דערמיט דאָס ייִדיש–שפּאַנישע ווערטערבוך וואָס יעקבֿ לערמאַן ע"ה און איך אַליין האָבן געמאַכט, דערשינען אין ב"א אין 1979, און דאָס ייִדיש–פֿראַנצייזישע ווערטערבוך פֿון גריס און קערנער, פּאַריז 1982. קאַטעגאָריע ב) : פּשוטערע צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער. צווישן זיי זענען דאָ רעלאַטיוו געראָטענע, ווי דוד–מענדל האַרדופֿס ייִדיש–ענגליש וו"ב פֿון 1983, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן נישט ווייניקער ווי פֿינף מאָל אין די ווײַטעדיקע 51 יאָר, און קערנער–ווײַסבראָטס פֿראַנצייזיש–ייִדיש פֿון 1989. אַנדערע זענען זייער קלאָגעדיקע, ווי מרדכי צאַנינס ייִדיש–העברעיִש ווערטערבוך פֿון 1982, אָדער מאָטל גרינשטיינס ייִדיש–שפּאַניש און שפּאַניש–ייִדיש פֿון 1993. קאַטעגאָריע ג) : ספּעציפֿישע טערמינאָלאָגיעס, דאָס מיין איך מרדכי שעכטערס ענגליש-ייִדישע תּחום–טערמינאָלאָגיעס פֿון 1988, 1991 און 2005. קאַטעגאָריע ד) : נײַע שפּראַכן–קאָמבינאַציעס, ווי גורי און פֿערדמאַנס קורצע דרײַ–שפּראַכיקע ווערטערביכער און קאַצוּאָ אועדאַס ייִדיש-יאַפּאַניש ווערטערבוך. קאַטעגאָריע ה) : ראָמאַניזירטע ווערטערביכער, ספּעציעל ראָנאַלד לאָטזשעס ייִדישעס ווערטערבוך פֿון 1990. די אַלע ווערק, בעסערע אָדער ערגערע, זענען געווען אַן ענטפֿער אויפֿן נאָכפֿרעג וואָס עס האָט גורם געווען די פֿאַרמערונג פֿון ייִדיש–פּראָגראַמען אין אוניווערסיטעטן און אינסטיטוציעס איבער דער גאַנצער וועלט.

עס האָט אָבער גענומען אַ לענגערע צײַט ביז דער דאָזיקער ענטפֿער האָט זיך באמת אַרויסגעאַרבעט אויף דער הייך פֿונעם נאָכפֿרעג. ערשט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר נעמען זיך באַווײַזן ייִדישע ווערטערביכער וואָס קענען באמת העלפֿן דערלערנען די שפּראַך און לייענען איר ליטעראַטור אָדער פּרעסע. אין צוויי

פֿון זיי איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע: איך מיין מײַן ווערטערבוך פֿון לשון־קודש שטאַמיקע ווערטער פֿון 1997, מיט זײַן פֿאַרטאָפּלטער אויפֿלאַגע פֿון 2012, און דאָס ייִדיש־פֿראַנצייזישע ווערטערבוך פֿון 2002. ביידע ווערטערביכער זענען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן לויט אַן ענלעכן אַרבעטס־שטייגער, וואָס באַשטייט פֿון, ערשטנס, אַ באַשטימטן אָבער נישט ריזיקן סכום אייגן וויסן; צווייטנס, פֿון הסתּפּקות־במועט אויפֿן פֿינאַנציעלן געביט; דריטנס, פֿון שׂכל־הישר און זיצפֿלייש אויפֿן מעטאָדאָלאָגישן געביט, און פֿערטנס, פֿון גרייטקייט צוצונעמען שותּפֿים און אָנצונעמען פֿרעמדע דעות אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן געביט. ביידע ווערטערביכער זענען פֿינאַנסירט און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פּאַריזער מעדעם־ביבליאָטעק. זיי זײַנען דער רעזולטאַט פֿון דער אַרבעט, פֿעיִקייט און גוטן ווילן פֿון אַ קליינער גרופּע מיטאַרבעטערס, צווישן וועלכע עס האָט זיך נישט געפֿונען קיין איין פּראָפֿעסיאָנעלער לעקסיקאָגראַף. דאָס ווערטערבוך פֿון לשון־קודש שטאַמיקע ווערטער איז ביז הײַנט דאָס פֿולסטע וואָס עקזיסטירט אין זײַן תּחום. דאָס ייִדיש־פֿראַנצייזישע ווערטערבוך איז ביז 2008 געווען דאָס פֿולסטע צווייִשפּראַכיקע ייִדישע ווערטערבוך פֿון אַלע צײַטן, אָבער אין 2008 איז אים, צו מײַן פֿרייד, אַרויסגעקומען אַן ערנסטער קאָנקורענט: דער ייִדיש־ווײַסרוסישער ווערטערבוך פֿון אַלעקסאַנדער אַסטראַוווּך, וואָס איז שוין אַפֿילו נישט דער אויפֿטו פֿון אַ קליינער גרופּע, נאָר פּשוט פֿון אַ יחיד, אַן אמתן לעקסיקאָגראַף אָבער וואָס האָט כּל־ימיו געלעבט פֿון סטאָליערײַ.

דאָס וואַזשנע גערעטעניש ווערטערביכער פֿונעם לעצטן יאָרצענדליק איז דער פּועל־יוצא פֿון צוויי הויפּט־גורמים. פֿון איין זײַט דאַרף מען רעכענען די ווירקונג די דרײַ גרויסע אויפֿטוען פֿונעם פֿריִערדיקן יאָרצענדליק, דהיינו ביידע פּאַריזער ווערטערביכער פֿונעם פֿאַרלאַג מעדעם־ביבליאָטעק און אַסטראַוווּכס ווײַסרוסיש־ייִדיש ווערטערבוך. די דאָזיקע ווערק האָבן געוויזן, אַז מע קען אונטערנעמען ערנסטע לעקסיקאָגראַפֿישע אַרבעט אויך אָן פּאַטענטירטע פּראָפֿעסיאָנאַלן, און זיי האָבן דערצו צוגעשטעלט אַ פֿאַרטיקן באַגלייבטן יסוד אויף צו בויען דערויף נײַע און אַפֿילו פֿולקומערע ווערטערביכער. זיי האָבן סטימולירט ייִדיש־קענערס, אוניווערסיטעטאַריער צי נישט, צו פֿאַרקאַשערן די אַרבל און ווײַזן די זעלביקע קונץ, צי נאָך אַ גרעסערע, אין דער ריכטונג פֿון אַנדערע שפּראַכן. פֿון דער צווייטער זײַט, ווירקן אויפֿן נײַעם דור ייִדיש־ווערטערביכער די רעסורסן פֿון קאָמפּיוטערײַ און אינטערנעץ, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל דערמעגלעכט אָנצוקומען גרינג און גיך צו אָן אַ שיעור מקורים מכּל־המינים: אי אַן אויסגעברייטערטן קאָרפּוס, אי לעקסיקאָגראַפֿישע און פֿילאָלאָגישע מקורים פֿון פֿריִערדיקע צײַטן, דאָס אַלץ — אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שלל סקאַנירטע און, גאָר לעצטנס, אויך נומעריזירטע מאַטעריאַלן. אַזעלכע רעסורסן העלפֿן נישט בלויז אויסצוטײַטשן און ממילא אַרײַנצונעמען אין ווערטערביכער וואָס אַ מאָל מער ווערטער און אויסדרוקן. זיי העלפֿן אויך דערגאַנצן די אָפּטײַטשן און אויסבעסערן גרײַזן און אומפּינקטלעכקייטן פֿון אַלע ביז־איצטיקע ווערק, אַרײַנגערעכנט דעם ייִדיש־פֿראַנצייזישן ווערטערבוך, וואָס האָט די מעלות אָבער אויך אַ סך חסרונות פֿון דער פֿריִערדיקער, ערבֿ־אינטערנעצישער אַרבעטס־שיטה.

בעיקר אַ דאַנק דעם ערשטן גורם, דאָס הייסט — אַ דאַנק דער ווירקונג פֿון די פּאַריזער און מינסקער אויפֿטוען, האָבן געקענט דערזען די שײַן בײַנפֿעלד־באָכנערס, טישענקאָס, סאָלדאַטאָווס און ווײַנבלאַטס ווערטערביכער.

דער צווייטער גורם — די נײַע שפֿע פֿון מקורים דורך אינטערנעץ און די נײַע אופֿנים פֿון מיטאַרבעט דורך אינטערנעץ — איז זייער קענטיק אי אינעם מאָנומענטאַלן אַרומנעמיקן ענגליש־ייִדישן וו״ב פֿון גיטל שעכטער און הערשל גלעזער, אי אין אונדזער אָקערשט צוגעקומענעם ייִדיש־נידערלענדישן ווערטערבוך פֿון יוסטוס פֿאַן דע קאַמפּ. אָבער יעדע איינע פֿון די צוויי צום לעצטן דערמאָנטע דערגרייכונגען איז דערווײַל אַ יחיד־במינו.

דאָס נײַע ענגליש־ייִדישע ווערטערבוך איז איינציק דערמיט, וואָס ביז אַהער האָט מען זיך בכלל נישט געהאַט פֿאַרמאָסטן צו געבן ייִדישע אָפּטײַטשן פֿאַר אַזאַ ריזיקן סכום ווערטער און אויסדריקן פֿון דער סאַמע רײַכסטער און פֿאַרשפּרייטסטער וועלטשפּראַך. די פּראָבלעמען פֿון פֿרעמדשפּראַכיק־ייִדישע ווערטערביכער פֿאָדערן אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג צו וועלכער איך קען דערווײַל נישט צוטרעטן.

יוסטוסעס ווערטערבוך, ווידער, איז איינציק לויט זײַן ריזיקן און כּסדר וואַקסנדיקן פֿאַרנעם, און אויך לויט זײַנע גילגולים, ווײַל יוסטוס האָט אים אונטערגענומען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אינעם בראשית פֿון דער קאָמפּיוטער־תּקופֿה, און מיט זײַן אייגענער מי און התלהבֿות נישט נאָר געפֿירט כּסדר די אַרבעט פֿון זאַמלען און אָפּטײַטשן, נאָר אויך פֿון צופּאַסן זיך צו די די נײַע מיטלען און זיי באַניצן גרינטלעך.

אויסזוכנדיק אַ ריי ווערטער אין יוסטוסעס ערשט פּובליקירט ווירטועל ווערטערבוך, האָב איך געקענט זיך שאַפֿן אַ בילד פֿונעם ברייטן פֿאַרנעם פֿונעם אויפֿטו, דאָס הייסט, די פֿאַרצווײַגטע פֿאַרבינגונדען פֿון יעדן זוכוואָרט מיט צונויפֿגעשטעלטע ווערטער ווו דאָס איז פֿאַרטראָטן, מיט אַנדערע ווערטער פֿון דער זעלביקער משפּחה, מיט פֿאַרבונדענע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, ווערטלעך און שפּריכווערטער. עס איז מיר אָבער אַ שאָד וואָס איך האָב ביז איצט נישט געהאַט קיין צוטריט צום גאַנצן מאַטעריאַל: בײַם זוכן ווערטערווײַז מיטן צוגעשטעלטן זוך־מכשיר, קען מען בשום אופֿן נישט זען וועלכע זענען די פֿרישע לעקסישע איינסן וואָס פֿריִערדיקע ווערק האָבן נישט אַרײַנגענומען, כאָטש אין אַזאַ שלל מיט ווערטער מוזן זיי זיך ציילן אין די שווערע טויזנטער. אין אָט דער מניעה בין נישט איך דער שולדיקער. דערפֿאַר אָבער איז יאָ מײַן שולד, אָדער ווייניקסטנס מײַן חסרון, וואָס איך קען נישט קיין האָלענדיש און ממילא איז מיר אוממעגלעך זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער ריכטיקייט פֿון די אָפּטײַטשן. איך גלייב אָבער שטאַרק אין יוסטוסעס אַחריותדיקייט: ער האָט אַוודאי געזאָרגט אַז זײַנע אָפּטײַטשן זאָלן זײַן פּיקטלעך און קלאָר, און זײַן האַנט — ווי מע זאָגט אויף לשון־קודש — איז נאָך אויסגעצויגן דאָס אַלץ ווײַטער אַרומצושלײַפֿן און דערגאַנצן.

אַמסטערדאַם, דעם 22-סטן פֿעברואַר 2018 י.

# ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק דערשינענע נאָך 1945

1949 - שטיינבערג, ישראל (1894- 1970). העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך, בײַ דער מיטבאַ-
טייליקונג פֿון א. רויכווערגער. וורצלאַוו : נידערשלעזיע, 1949, 334 ז׳. אַרום 4000
ווערטער.

1950 - סטוטשקאָוו, נחום (1893- 1965). אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ניו–יאָרק, ייִוואָ, 1950, 933
ז׳. ארום 50000 פֿאַרשיידענע ווערטער.

1954 - יתום, צבֿי (1916 - ???). אוצר פֿון העברעיִזמען : ווערטערבוך פֿון העברעאישע און אַראַמישע
עלעמענטן אין דער ייִדישער שפּראַך. ריאָ דע זשאַניירא, תשי"ד 1954, 144 ז׳.

1957 - קרופּין, נחמן (1886 - 1962) האַנטבוך פֿון העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך. איקוף,
בוענאָס–אײַרעס, 1957, 12+248 ז׳

1958 - לעווין, יעקב (1884- 1958) ווערטערביכל פֿון העברעאיש-ייִדישע ווערטער : מיט דער
ריכטיקער אויסשפּראַך און דער געהעריקער דערקלערונג פֿון יעדן וואָרט /
צוזאמענגעשטעלט פֿון יעקבֿ לעווין. ניו–יאָרק : ציקאָ-פּרויען–צענטראַלע בײַם ייִדישן
קולטור–קאָנגרעס, 1958, 102 ז׳

1960 - צאַנין, מ. (1904 - 2006). מלון עברי-יידי שלם : עם מוספים[...] תקציר הדקדוק העברי,
תבניות-יסוד לנטית הפעלים / פֿולער העברעיש–ייִדישער ווערטערבוך, כרך א-ב. תל אביב
: לעצטע נייעס, (1960). מיט הוספֿות : לעקסיקאָן פֿון ראשי-תּיבֿות, קאַלענדאַר פֿון יאָרן
לויט דער ייִדישער צײַט–רעכנונג פּאַראַלעל צו די יאָרן פֿון דער אַלגעמיינער צײַט–
רעכנונג, רעגיסטער פֿון צאָלן אין אותיות, קיצור פֿון העברעיִשער גראַמאַטיק, מוסטער-
טאַבעלן צו בייגן צײַטווערטער. כרך א. א-מ. , [1]+476 ז׳. כרך ב. נ-ת. [6]+[477]-
888, [2], ק, 11 ע׳. איבערגעדרוקט לייוויק–פֿאַרלאַג 1983

1961 - יאָפֿע, יודאַ (1873 - 1966), מאַרק, יודל (1897 - 1975). גרויסער ווערטערבוך פֿון דער
ייִדישער שפּראַך. באנד 1.-4 ניו-יאָרק - ירושלים : קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך
פֿון דער ייִדישער שפּראַך, תשכ"ב-1961-תש"מ 1980, 4 בב׳ — **באנד 1**. א-אום.
תשכ"ב-1961. לב, 508, [4] זז׳. **באנד 2**. אום-אײַנב. תשכ"ז 1966. לב, 509- 1096,
[4] זז׳. **באנד 3**. אײַנבי-אָפּבוי. תשל"ב 1971, כד, 1097- 1708, [4] זז׳ **באנד 4**. אָפּבוי-
אתרוג. תש"מ 1980. כח, 1709- 2333, זז׳.

1963 - שכטר-חכם, מאיר. מלון עברי-אידיש : שלם ומקיף; כולל אוצר שפת המקרא, המשנה, ספרות
ימי-הבינים וההשכלה עד חדושי-הלשון האחרונים שנתקבלו בדבור, בעתונות ובספרות ;
בצרוף מבוא על כללי ההבדל שבין הכתיב המנוקד (החסר) והכתיב חסר-הניקוד (המלא) /
מאת מאיר שכטר-חכם. תל-אביב : יהושע צ׳צ׳יק הוצאת ספרים בע"מ, 1963, 318-8 זז׳

1963 - הוכמן, אָשר–זעליק. מלון כיס עברי-אידיש-ספרדי. שבעת אלפים מלים בעברית מתורגמות. תּל–
אַביב 1963.

1966 - יאָפֿע, יודאַ (1873 - 1966), מאַרק, יודל (1897 - 1975). גרויסער ווערטערבוך באַנד 2. אום-
אײַנב. תשכ"ז 1966. לב, 509- 1096, [4] זז׳. (זע 1961)

1968 - ווײַנרײַך, אוריאל (1926-1967) מאָדערן ענגליש-ייִדיש, ייִדיש-ענגליש ווערטערבוך, 790 ז׳ ,
נ״י 1968 , 1971

- יאָפֿע, יודאַ (1873 - 1966), מאַרק, יודל (1897 - 1975). גרויסער ווערטערבוך באַנד 3. אײַנבי-
אָפּבוי. תשל"ב 1971. כד, 1097- 1708, [4] זז׳ (זע 1961)

1972 - לעווינסקי, יום–טובֿ (1899 - 1973). מילון רב-לשוני : עברית-יידיש-אנגלית-צרפתית-ספרדית-
גרמנית-רוסית. תּל-אביב : עדי, תשל"ב, 1972; [10]-386 זז׳

1973 - רוסאַק, חנוך (1912 - ???). ענציקלאָפּעדישער וו״ב עספּעראַנטאָ–ייִדיש. ירושלים, בית זמנהוף
1973, 2 ב׳, 670 ז׳

1979 - לערמאַן, יעקבֿ–יהושע-ניבאָרסקי, יצחק. ייִדיש–שפּאַניש וו״ב. ייִוואָ ב״א, 1979, ח׳+344+XVI
ז׳ [איבערדרוק גראָנער אוניווערסיטעט 2003]

1980 - יאָפֿע, יודאַ (1873 - 1966), מאַרק, יודל (1897 - 1975). גרויסער ווערטערבוך באנד 4.
אָפּבוי-אתרוג. תש"מ 1980. כח, 1709- 2333, זז׳. (זע 1961)

1982 - גריס, נח (1902-1985), קערנער, שמואל (1907 - 1999). ווערטערבוך ייִדיש פֿראַנצייזיש .
1982, טז, 371, [1], ע׳. קאמיטעט פאר יידיש און יידישער קולטור אין פראנקרייך.

1982 - מרדכי צאַנין, פֿולער ייִדיש–העברעיִשער ווערטערבוך., תל–אַבֿיבֿ, לייוויק–הויז 1982, 472 ז׳

1983 - דוד מענדיל הרדוף , יידיש-ענגליש, ענגליש-יידיש ווערטערבוך / [3] הרדוף-פארלאג :. 1983,
1988, 5טער איבערדרוק 1997, 118-241.

1984 - שאַפּיראָ, משה (1899 - 1973), ספּיוואַק, ע. (1890-1950), שולמאַן, מ.(???). רוסיש-יידישער
ווערטערבוך : באַ 40000 ווערטער. מאסקווע : רוסקי יאַזיק, 1984. סטערעאָטיפּישער
איבערדרוק 1989. 720 ז׳.

A Yiddish dictionary in transliteration . [Toronto,  .Harry , Coldoff- 1988
Ont.] : Proclaim, c1988 ; xii, 223 p. : ill. ; 23 cm.

1989 - קערנער, שמואל (1907 - 1999), ווײַסבראָט, בערל (1946 - ). פֿראַנצייזיש-ייִדיש ווערטערבוך.
527 ז׳, פּאַריז : קאָמיטעט 1989, מעדעם-ביבליאָטעק, 2000.

1989 – גענאַדי עסטרײַך, סאָוו׳ היימלאַנד. נומ׳ 1-2 (97-98) (ביילאַגע צום זשורנאל נומ׳ 1, 1989) --
קורצער יידיש-רוסישער ווערטערבוך : העפט 1 (א-ה). נומ׳ 3-4 (99-100) (ביילאגע
צום זשורנאל נומ׳ 3, 1989) -- קורצער יידיש-רוסישער ווערטערבוך : העפט 2 (וו-ש)

Lötzsch, Ronald . Jiddisches Wörterbuch /. Leipzig :  - 1990
(ייִדיש-דײַטשיש) Bibliographisches Institut, 1990. 204 p.
לאַטײַנישע טראַנסקריפּציע.

1992 - גורי, יוסף (???), פֿערדמאַן, שאול (???). קורצער ייִדיש-העברעיִש-רוסישער ווערטערבוך,
(תשנ"ב), ירושלים, ח-9-141 זז'

1993 - גרינשטיין, מאָטל (???). ייִדיש-שפּאניש שפּאַניש–ייִדיש ווערטערבוך. מעקסיקע (1993), 330 +
349 ז׳

1993 - אועדאַ, קאַזואָ (1943-?). [ייִדיש-יאַפּאַניש ווערטערבוך] : [28000 ווערטער]. 1993 -407 ז׳

1994 - גורי, יוסף (???), פֿערדמאַן, שאול (???). קורצער יידיש-העברעיש-ענגלישער ווערטערבוך,
(תשנ"ד), ירושלים, יוסף מאַרטאָן, 142 ז׳

1996 - י. טאָרטשינסקי, קורצער ייִדיש-אוקראַיִנישער ווערטערבוך . קיִעוו 1996, 206 ז׳

1997 - ניבאָרסקי, יצחק (1947). ווערטערבוך פֿון לשון-קודש-שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש /מיט דער
מיטהילף פון שמעון נויבערג ; צוגעגרייט צום דרוק אליעזר ניבאָרסקי , פּאריז : מעדעם-
ביבליאָטעק, 1997 , 306 ז׳

1998 - וואָלף, משה. העברעיִשע און אַראַמישע ווערטער אין דער ייִדישער שפּראַך : זייער אויסלייג און
אַרויסרעד, זייער טײַטש אין ענגליש און אין רוסיש. פּאָרטלאנד : ייִדישער וועלט
קאָנגרעס: ייִדישע פֿעדעראַציע פֿון פּאָרטלאַנד, תשנ"ט, 1998 , 112 זז׳

A guide to the more common Hebraic words in Yiddish / compiled  - 1998
(from various published sources) and arranged by Steven A.
Jacobson. Fairbanks (Ala.) : S. A. Jacobson, 1998. 344 p..

English-Yiddish, Yiddish-English dictionary : romanized./ 3rd,  .Gross, David C 1999
expanded edition, Hippocrene Books, Inc, 1999. 9-146 pp. ;

2002 - ווײַסבראָט, בערל (1946), ניבאָרסקי, יצחק (1947) ייִדיש-פֿראַנצייזיש ווערטערבוך /מיט דער
צוזאַמענאַרבעט פֿון שמעון נויבערג . פּאריז : מעדעם-ביבליאָטעק, 2002        41+632 ז׳

2003 - רײַכער, חנה. נײַער ווערטערבוך : העברעיִש-ייִדיש ; ייִדיש-העברעיִש , ירושלים, ש. זק, 2003 ,
785 + י"ח ז׳

2005 - ייִדיש–שוועדיש–ייִדיש וו״ב. לענאַרט קערבעל און פּעטער דאַוויד. בראָמאַ, מגילה

2007 - יידיש-פּויליש, פּויליש-יידיש ווערטערבוך / יוליא מאקאָש, קראקע : שלום עליכם, 2007 , 390
ז״

2008 - אַלעקסאַנדער אַסטראַוווּך, ייִדיש-ווייסרוסישער ווערטערבוך : מיט שפּריכווערטער, ווערטלעך,
גלײַכווערטלעך... / געזאַמלט און איבערגעזעצט אויף ווײַסרוסיש פון אַלעקסאַנדער
אַסטראַוווּך (מינסק, 2008), 927 ז׳

2009 - א. ראטה, אידיש ווערטער אוצר : אַ זאַמלונג פון איבער 6000 ווערטער און זייערע סינאָנימען /
צונויפֿשטעלערין א. ראטה. מאָנסיי, 2009, 438 ז׳

2011 - סאָלדאַטאָוו, אַ. באַלשאָי ייִדיש–רוסקי סלאַוואַר.טשעכאָוו (רוסל.), 927 ז׳

2012 - ווײַנבלאַט, ב. ייִדיש–רוסיש וו״ב. כּפר–סבא, 738 ז׳

2012 - ניבאָרסקי י.-נויבערג ש.-ניבאָרסקי א.-קריניצקאַ נ. ווערטערבוך פֿון לשון-קודש-שטאַמיקע
ווערטער אין ייִדיש (פֿאַרטאָפּלטע אויפֿלאַגע) , פּאריז : מעדעם-ביבליאָטעק, 512 ז׳

2013 - בײַנפֿעלד, ש.- באָכנער, ח. אַרומנעמיק ייִדיש–ענגליש וו״ב. בלומינגטאָן, 704 ז׳

2013 - טישטשענקאָ, ד. - ייִדיש–רוסישער וו״ב. קיִעוו. 912 ז׳

2014 - טישטשענקאָ, ד. - ייִדיש–אוקראַיִנישער וו״ב. קיִעוו, 942 ז׳

2016 - שעכטער, ג. - גלעזער, ה. אַרומנעמיק ענגליש–ייִדיש וו״ב. בלומינגטאָן, 826 ז׳

2018 - פֿאַן דע קאַמפּ, י. ייִדיש–נידערלענדיש וו״ב (ווירטועל), אַמסטערדאַם.

סך–הכּל 47 ווערטערביכער (אָדער בענד פֿון וו״ב וואָס דערשינען אין פֿאַרשיידענע יאָרן) פֿון 1949 ביז
2018.פֿון זיי 4 ראָמאַניזירטע.

לויט דערשײַן–יאָרן:
5 : 1949 - 1958
6 : 1959 - 1968
3 : 1969 - 1978
6 : 1979 - 1988
11 : 1989 - 1998
7 : 1999 - 2008
9 : 2009 - 2018

**ייִדיש–ייִדישע 14 —**
אוצר
גווב (4)
ל״ק :שטיינבערג 49, יתום 54, קרופּין 57, לעווין 58, ניבאָרסקי 97, וואָלף 98, יאַקאָבסאָן 98,
ניבאָרסקי **(8)** 12
סינאָנימען : ראָטה09

**צווייִשפּראַכיקע**
**1. ייִדיש—אַנדערע שפּראַך 22 —**
ייִדיש–ענגליש : אווו 68, הרדוף 83 א״וו ,קאָלדאָף 88, גראָס 99, בײַנפֿעלד–באָכנער **(**5)
יידיש–העברעיש : צאַנין 82, רײַכער **(2)** 03
ייִדיש–פֿראַנצייזיש : גריס–קערנער 82, ווײַסבראָט–ניבאָרסקי**(2)** 02
ייִדיש–שפּאַניש : לערמאַן–ניב 79, גרינשטיין**(2)** 1993
ייִדיש–דײַטש : לאָטש1990
ייִדיש–יאַפּאַניש : אועדאַ1993
ייִדיש–שוועדיש : קערבל05
ייִדיש–רוסיש : ס״ה 89, סאָלדאַטאָוו 2011, ווײַנבלאַט 2012, טישענקאָ(4) 2013
ייִדיש–אוקראַיִניש : טאָרטשינסקי 96, טישענקאָ(2) 2014
ייִדיש–פּויליש : מאַקאָש07
ייִדיש–ווײַסרוסיש : אַסטראַוווּך08

**1. אַנדערע שפּראַך—ייִדיש 12 —**
ענגליש–ייִדיש : אווו 68, הרדוף 83 א״וו ,גראָס 99, שעכטער ג.-גלאַזער ה4 — 16 .
העברעיש–ייִדיש : צאַנין 60, שכטר–חכם 63, רײַכער**3** — 03
רוסיש–ייִדיש : שאַפּיראָ/ספּיוואַק/שולמאַן1984
פֿראַנצייזיש–יידיש : קערנער–ווײַסבראָט89
שפּאַניש–ייִדיש : גרינשטיין1993
פּויליש–ייִדיש : מאַקאָש2007
עספּעראַנטאָ–ייִדיש : רוסאַק73

**פֿילשפּראַכיקע 4 —**
האָכמאַן עבר'ייד'שפּ ; 63 לעווינסקי העב+ייד+ענג+פֿר+שפּ+דײַטש+רוס ; 72 ייִד+העבר+רוסיש גורי–
פֿערדמאַן, 92 ייִד+העבר+ענגליש גורי–פֿערדמאַן **4** — 94